בס"ד
לך תשפ"ד
גליון 162

# דעם רבינ'ס ליכט



אַײעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### דו הָאסְט אויךְ אַ הַארְץ!

אין די פַּרְשָׁה וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אויף אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער זֵיידֶע אַבְרָהָם אָבִינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פַּארְצֵיילְן אוּנְז אַז בֶּן שָׁלֹשׁ שָׁנִים הִכִּיר אֶת בּוֹרְאוֹ, בַּיי דְרַיי יָאר אַלְט הָאט שׁוֹין אַבְרָהָם אַנֶערְקֶענְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אויף דֶער וֶועלְט.

ווי אַזוֹי זֶענֶען די אָבוֹת גֶעוָוארְן די אָבוֹת? זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין יֵצֶר הָרָע? זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין נִסְיוֹנוֹת?

עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע סֵפֶר פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן'ס וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "כּוֹכְבֵי אוֹר", דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק רוּפְט זִיךְ "אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן" דָארְט אִיז דָא צְוֵויי שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן ר' נָתָן, אֵיינֶע פוּן די שִׂיחוֹת שְׁרַייבְּט עֶר דָארְט אַז רַבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועגְן דָאס פְּלַאקֶערְדִיגֶע הַארְץ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער טָאג אוּן נַאכְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן מְפַרְסֵם גֶעוֶוען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן'ס נָאמֶען אויף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶס הָאט אֵיינֶער גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ פוּן טִיפְן הַארְץ אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רַבִּי נָתָן: ווי נֶעמְט מֶען אַ הַארְץ אַזוֹי ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ? הָאט אִים רַבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט אויךְ אַן הַארְץ נָאר די בַּאהַארְצְ'ט עֶס נִישְׁט", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ הַארְץ אַזוֹי ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ, עֶר הָאט אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן קְדוּשָּׁה אוּן אֱמוּנָה טִיף טִיף אִין הַארְץ, נָאר מֶען דַארְף דָאס בַּאהַארְצְ'ן, ווּיאַזוֹי?? מִיט וֶוערְטֶער פוּן תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנָה א.א.וו., וַוייל סְ'אִיז דָא אַ בְּחִירָה צוּ בּוֹחֵר זַיין וָואס מֶען ווִיל, אוּן אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער אִיד קֶען צוּקוּמֶען צוּ די הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף זָאגְן מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂה אֲבוֹתַי, ווען וֶועל אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ די מַדְרֵיגוֹת פוּן די אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַהֲבַת הַשֵּׁם, אֱמוּנָה, יִרְאָה, מְסִירוּת-נֶפֶשׁ, תְּמִימוּת, לֶערְנֶען מִיט חֵשֶׁק, שִׂמְחַת הַמִּצְווֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

המשך אויף זייט 7












# איין מעשה'לע



## ערליך פארדינט

אַ גוּטְן אַלֶע חֲבֵרִים פוּן רֶבִּינְ'ס לִיכְט, מַיין נָאמֶען אִיז נַחְמָן נָתָן.

אִיךְ ווִיל מִיטְטֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה'לֶע ווָאס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה. מַיין פֶּעטֶער הָאט גֶעהַאט שְׁווֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען צוּ קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן. אֵיינֶער הָאט אִים אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין אַ פֶּעקְל אוּן אָרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף אִים אַ לֶעגַאלֶע פַארְבָּאט אָרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. נִישְׁט נָאר דָאס נָאר עֶר הָאט צוּגֶענוּמֶען זַיין פַּאסְפָּארְט אָן קַיין מֶעגְלִיכְקַייט צוּ מַאכְן אַ נַייעֶ. מַיין פֶּעטֶער ווָאלְט אִים וֶוען אַלֶעס מוֹחֵל גֶעוֶוען עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט אֵיין פְּרָאבְּלֶעם: "אוּמַאן!" ווִי אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְפָארְן פוּן לַאנְד.

עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן נָאר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן אַ ווֶעלְט, אוֹיסְגֶעגֶעבְּן שְׁווֶערֶע טוֹיזֶענְטֶער דָאלַארְן, פְּרוּבִּירְט מִיט דֶעם אוּן יֶענֶעם אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ גֶערִירְט צוּם גוּטְן. אֵיין לוֹיעֶר אַלֵיין הָאט גֶעקָאסְט צֶען טוֹיזְנְט שֶׁקֶל. וֶוער עֶס הָאט אִים גֶעטְרָאפְן אִין גַאס הָאט שׁוֹין גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אִיד רֶעדְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, "אוּמַאן, אוּמַאן.."

דִי צַייט הָאט זִיךְ פָּארְאוֹיס גֶערִיקְט, אַסַאךְ שְׁנֶעלֶער ווִי מֶען הָאט גֶעווָאלְט. רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער. פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט הֶערְט מֶען נָאר דִי אֵיין זַאךְ, "הָאסְט שׁוֹין אַ טִיקֶעט? דוּרְךְ ווֶעלְכֶע לַאנְד פָארְסְטוּ? וֶוען אִיז דַיין נְסִיעָה? אָבֶּער מַיין פֶּעטֶער הָאט צוּ זַיין וֵוייטָאג, גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן מִיט דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסֶערַייעֶן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען. דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער זֶענֶען שׁוֹין דָא צוּרִיק אוּן מַיין פֶּעטֶער אִיז נָאךְ דָא. זַיין עָגְמַת נֶפֶשׁ אִיז גֶעוֶוען אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיךְ גְרוֹיס.



דִי טֶעג אוּן ווָאכְן זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעלָאפְן. עֶס אִיז שׁוֹין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר בֶּענְקְט נָאכְאַלְץ. עֶר הָאט נָאכְאַנַאנְד מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען, גֶעטוּן יֶעדֶע סְגוּלָה, גֶעפָארְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט.

אֵיין טָאג אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז עֶר קֶען בֶּעטְן פוּן דִי קִינְדֶער, דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן צוּ דַאווֶענֶען פַאר אִים. עֶר קְלִינְגְט מַיין מַאמֶע אוּן הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַ מַתָּנָה אוֹיבּ מִיר וֶועלְן מִתְפַּלֵּל זַיין, מִיר הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים. מִיר הָאבְּן זִיךְ פְלַייסִיג גֶענוּמֶען זָאגְן תְּהִלִּים. מִיר הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים, מַיין פֶּעטֶער

הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי מַתָּנוֹת אָבֶּער עֶר קֶען נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְפָארְן פוּן לַאנְד.

מַיין פֶּעטֶער הָאט אוּנְז נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ דַאוֶונֶען פַאר אִים. עֶר הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַ טַייעֶרֶע מַתָּנָה: אַן עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע אוֹיטָא'לֶע וָואס פָארְט אַלֵיין, אוֹיבּ עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן. מִיר הָאבְּן זִיךְ וַוייטֶער פְלַייסִיג גֶענוּמֶען מִתְפַּלֵּל זַיין. אָבֶּער נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שַׁיין פוּן אַ יְשׁוּעָה הָאבְּן מִיר אַלֶע (כִּמְעַט) זִיךְ מְיָאֵשׁ גֶעוֶוען.

"נָאךְ טוֹיזְנְט יָאר וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן..." הָאט מַיין קְלֵיינֶע בְּרוּדֶער אִים גֶעזָאגְט.

אֵיינֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט זַיין גַאנְצֶע הָאפֶענוּנְג: מַיין זֶעקְס יֶערִיגֶער בְּרוּדֶער יַעְנְקִי. עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּפִיל תְּהִלִּים זָאגְן, דִי עִבְרִי קוּמְט אִים נָאךְ אָן שְׁוֶוער, אָבֶּער יֶעדֶע נַאכְט בַּיי זַיין פִינְף מִינוּטִיגֶע הִתְבּוֹדְדוּת הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶעם נֻסַח: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז נַחְמָן בֶּן שָׂרָה זָאל אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג." מִיר אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים. "בֶּעסֶער דַאוֶוען פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן, עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דוּ דַאוְונְסְט אוֹיף אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת. עֶר הָאט אָבֶּער מִיט תְּמִימוּת וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען.

אֵיין טָאג צוּקְלִינְגְט זִיךְ דֶער טֶעלֶעפָאן, וֶוען עֶס בַּאוַוייזְט זִיךְ אַ לַאנְגֶע אוֹיסְלֶענְדִישֶׁע נוּמֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן.

'וֶוער קֶען דָאס זַיין?' וואוּנְדֶערְן מִיר זִיךְ.

מַיין מַאמֶע הֵייבְּט אוֹיף אוּן שְׁטֶעלְט אָן דִי טֶעלֶעפָאן אוֹיף דִי הוֹיכְהִילְכֶער אוּן מִיר הֶערְן דֶעם פֶּעטֶער אוֹיפְן אַנְדֶערֶע זַייט טֶעלֶעפָאן.

"עֶנְק וֵוייסְן וואוּ אִיךְ בִּין?? אִין אוּמַאן!!!

וִויאַזוֹי?! שְׁרַייעֶן מִיר אַלֶע קִינְדֶער אוֹיס אִינְאֵיינֶעם!

פַארְצֵיילְט אוּנְז דֶער פֶעטֶער אִיבֶּערְן טְרֵייבְּל: "צְוֵוויי טֶעג צוּרִיק עֶר קְלִינְג אִיךְ אוֹיפְן סְפֶּעצִיעֶלְן טֶעלֶעפָאן לַיין אוּן אִיךְ הֶער אַז דֶער פַארְבָּאט צוּ אַרוֹיסְפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אָפְּגֶעלָאפְן אוּן יֶענֶער הָאט נָאךְ נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט עֶס צוּ בַּאנַייעֶן, אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ קַאר אוּן גְלַייךְ גֶעפָארְן אִין עֶירְפָּארְט צוּ מַאכְן אַ פַּאסְפָּארְט אוֹיפְן אָרְט, מִיט נִסִּים הָאט מֶען מִיר נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שׁוּם קֻשְׁיוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגְן פְלִיגֶער אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּם מַיין צִיל. אַצִינְד וֶועל אִיךְ שִׁיקְן מַיין צוּגֶעזָאגְטֶע מַתָּנָה פַאר יַעְנְקֶעלֶע."

מִיר שְׁטֵייעֶן מִיט גְלוּסְטִיגֶע אוֹיגְן אוּן קוּקְן וִויאַזוֹי יַעְנְקֶעלֶע פָארְט זִיךְ אַרוּם מִיט זַיין אוֹיטָא'לֶע, אוּן מִיר פְרֶעגְן אִים: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרַאכְט וֶוען דוּ הָאסְט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַזַא לַאנְגֶע צַייט?!"

"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט!" עֶנְטְפֶערְט יַעְנְקֶעלֶע מִיט תְּמִימוּת!

דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶע לִמּוּד פַאר אוּנְז אַלֶע, מֶען דַארְף דַאוֶונֶען אוּן דַאוֶונֶען אָן טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְפוּן!



# א גוּט גֶעשֶׁעפְּט

אויפן בילד ר' שלמה
וועקסלער אויפן
וועג צום כותל, יאר
תרצ"ט

די װֶענְט פוּנֶעם הױז הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אַלְטְקֵייט אוּן אֲרֶעמְקַייט װֶען די יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער שְׁטֵיינֶערְנֶע װֶענְט זֶענֶען גֶעוֶוען לַייכְט בַּאלוֹיכְטְן מִיט אַ אָרֶעמֶע שַׁיין. אַ קְלֵיין צֶעבְּרָאכְן טִישְׁל אִיז גֶעלֶעגְן בַּיים עֶק פוּנֶעם צִימֶער, אוּן צְוֵויי הַאלְב-אַיינְגֶעפַאלֶענֶע קֶעסְטְלֶעך װֶעלְכֶע הָאבְּן גֶעדִינְט אַלְס בֶּענְקְלֶעך הָאבְּן בַּאקְרוֹינְט דֶעם טִישׁ. רֶבִּי שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער, פוּן די דֶערְהוֹיבֶּענֶע בְּנֵי עֲלִיָּה פוּנֶעם רֶבִּי'נְס חֵדֶר, אִיז גֶעזִיצְן אַיינְגֶעבּוֹיגְן אִיבֶּער אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן בַּיים טִישְׁל, וֶוען גָארְנִישְׁט פוּנֶעם אַרוּם טוּט אִים שְׁטֶערְן.

זַיין פְרוֹי דַאקֶעגְן, אִיז גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זָארְג, "וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶער טָאכְטֶער וָואס אִיז שׁוֹין אִין די יָארְן, אוּן מִיר פַארְמָאגְן נִיטְאַמָאל אוֹיף די מִינִימַאלֶע הוֹצָאוֹת אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן" - הָאט זִי גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ מִיט בִּיטֶערְנִישׁ.

אִין אִיר פַארְלֶעגְנְהַייט הָאט זִי גֶענוּמֶען די קוּרַאזְשׁ צוּ שְׁטֶערְן אִיר דֶערְהוֹיבֶּענֶעם מַאן וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ גַאנְץ וֵויינִיג גֶעקִימֶערְט אִיבֶּערְ'ן עוֹלָם הַזֶּה, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט עֶר בְּלוֹיז גֶעוִוידְמֶעט אַרַיינְצוּכַאפְּן נָאךְ זְכוּתִים צוּם אֵייבִּיגְן וֶועלְט, צוּם עוֹלָם הַבָּא.

"שְׁלֹמֹה", הָאט זִי זִיךְ גֶעוָואנְדְן צוּ אִים, "וָואס וֶועט זַיין מִיט גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן אוּנְזֶער גֶערָאטֶענֶעם טָאכְטֶער? מִיר פַארְמָאגְן דָאךְ גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּב, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן אַ שְׁטִיקְל נַדְן צוּ גֶעבְּן..."

ר' שְׁלֹמֹה הָאט אוּפְגֶעהוֹיבְּן זַיין לֶעכְטִיגְן גֶעזִיכְט, אוּן מִיט אַ שְׁמֵייכְל גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ, "פַארְוָואס דַארְפְן מִיר זָארְגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַוַודְאַי הֶעלְפְן, הַבּוֹטֵחַ בּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ".

*

הֶער גָאדֶענבֶּערג, אַ בֶּערלִינֶער אַיינְוואוֹינֶער, אִיז גֶעוֶוען אַן אַיינְשְׁטֶענְדִיגֶער מַאן און אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וֶועלְכֶער הָאט פַּארְמָאגְט בְּרֵייטְפַּארְצְוַוייגְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִיבֶּער גַאנְץ אֵייְרָאפֶּע וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶעפִירְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע גֶענִיטְשַׁאפְט, זַייעֶנְדִיג אַ דַייטְשֶׁער יֶעקֶער. אִין אֵיינְס פוּן דִי טֶעג הָאבְּן זַאכְן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְן אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע רִיכְטוּנְג, וֶוען אַן אוּמזִיכֶערֶע אִינְוֶועסְטְמֶענְט (הַשְׁקָעָה) הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צֵייגְן צֵייכֶענֶעס פוּן גְסִיסָה. דֶער פַאקְט אַז גָאדֶענְבֶּערְג אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְגֶערֶעכְנְטֶער יֶעקֶער הָאט אִים גָאר צֶעשְׁטוֹרֶעמְט און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען פַאר זִיךְ אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם שְׁוֶוערְן פְּלָאנְטֶער.

אִין אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט, וֶוען גָאדֶענְבֶּערְג הָאט גֶעזֶעהְן פַאר זִיךְ זַיין בִּיטֶערְן מַצָּב, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און צוּגֶעזָאגְט אַז אוֹיב עֶר וֶועט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער וֶועט עֶר אַרוֹיפְגֵיין קַיין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ און עֶר וֶועט בַּיישְׁטַייעֶרְן אַ בַּאדֵייטְנְדֶע סוּמֶע גֶעלְט פַארְן עֶרְשְׁטְן יְרוּשָׁלַיְמֶ'ער אִיד וָואס עֶר וֶועט בַּאגֶעגֶענֶען.

הֶער גָאדֶענְבֶּערְגְ'ס תְּפִלָּה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן און בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט הָאבְּן זִיךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וִוירְקְלִיךְ אוֹיסְגֶעקְלָארְט. גָאדֶענְבֶּערְג הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ עֶרְפִילְן זַיין צוּזָאג און הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אֵיינֶעם וֶועלְכֶע זָאל דֶערְוַוייל פִירְן דִי בִּיזְנֶעס, און הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוען אִין זַיין הַאנְט הַאלְט עֶר אַ פֶּעקְל בַּאנְקְנָאטְן...

*

יְרוּשָׁלַיִם שֶׁל מַעְלָה. דִי גֶעסַאלַאך זֶענֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַ שְׁטִילְקֵייט, און זֶענֶען לַייכְט בַּאלוֹיכְטְן מִיט דִי אֵיידֶעלֶע שַׁיין פוּנֶעם לְבָנָה וֶועלְכֶע גְרֵייט זִיךְ אָט צוּ פַארְלָאזְן דִי נַאכְט.

פַארְטָאגְס, אִין אֵיינְס פוּן דִי אָרֶעמֶע הַייזֶער גְרֵייט זִיךְ אַ אִיד צוּ פַארְלָאזְן זַיין הוֹיז אָנְצוּהֵייבְּן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַיּוֹם. דִי קֶעצַאלַאך שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף מִיט אַנְגְסְט צוּ דִי קוֹל פוּנֶעם אַלְטְן טִיר וֶועלְכֶע קְרִיצְט צוּם פַארְזְשַׁאוֶוערְטְן רִיגְל. ר' שְׁלֹמֹה בַּאוַוייזְט זִיךְ בַּיים טִיר, וֶוען זַיין פְּנִים שְׁטְרַאלְט פַאר שִׂמְחָה צוּ דִי זְכִיָּ'ה אַז עֶר קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ נָאךְ אַ טָאג דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, און שְׁפַּאנְט זַיינֶע טְרִיט פְלִינְקֶערְהֵייט אִין רִיכְטוּנְג פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ.

ר' שְׁלֹמֹה דְרֵייט זִיךְ אַיין אִין אַ שְׁטִילֶע גֶעסְל וֶועלְכֶע אִיז בַּאוואוֹינְט מִיט בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע אַיינְוואוֹינֶער, און אָט קוּמְט

אִים אַנְטקעגן אַ אִיד בַּאקְלֵיידעט מִיט אַ רַייכֶע מַלְבּוּשׁ, וֶועלְכֶער בַּאגְרִיסְט אִים מִיט אַ וַוארֶעמֶע גוּט מָארְגְן. ר' שְׁלֹמֹה עֶנְטְפֶערְט אִים מִיט אַ צוּגֶעלָאזֶענֶע "גוּט יָאר", אוּן וִויל גֵיין וַוייטֶער אִין וֶועג, אָבֶער דֶער אִיד, הֶער גָאדֶענְבֶּערְג, הַאלְט אִים צוּרִיק אוּן פַארְקִירֶעוֶועט מִיט אִים אַ קוּרְצֶע גֶעשְׁפְּרֶעך, פְרֶעגְנְדִיג אִיבֶער זַיין נָאמֶען אִין וואוּינְאָרְט, וֶוען הֶערְשְׁט דַאן גֶעזֶעגְנְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן אִים.

הֶער גָאדֶענְבֶּערְג אִיז גֶעוֶוען צֶעשׁוּידֶערְט אִיבֶער דֶעם בַּאגֶעגֶענִישׁ עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אִים אִיבֶערְצוּגֶעבְּן דֶעם הוּיפְּן גֶעלְט, אָבֶער נָאכְן זֶען פוּן דֶער נָאנְט זַיין גֶעשְׁטַאלְט, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אַז ר' שְׁלֹמֹה אִיז נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶער פֶּערְזָאן בַּיי וֶועמֶען מְקַיֵים צוּ זַיין דֶעם מִצְוַת צְדָקָה... ר' שְׁלֹמֹה הָאט קַיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶערִירְט זַיין הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן אַלְס רֶעזוּלְטַאט אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּאוַואקְסְן מִיט לַאנְגֶע קָאלְטֶענֶעס וֶועלְכֶע הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט אוֹיסְזֶען פַאר דֶעם יֶעקִישְׁן מַאן אַבִּיסְל מָאדְנֶע. גָאדֶענְבֶּערְג הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּעֶן מִיט זִיךְ, אוּן זַייעֶנְדִיג אַ יֶעקֶער הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז מִיטְן גֶעבְּן דָאס גֶעלְט פַאר אַזַא פַּארְשׁוֹין וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן מְקַיֵים גֶעוֶוען זַיין הַבְטָחָה, אוּן הָאט בַּאשְׁלָאסְן אָנְצוּפְרֶעגְן בַּיים גְרוֹיסְן יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער רָב, רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנֶנְפֶעלְד ז"ל, וָואס צוּ טוּן.



אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן צוּפְרִי הָאט זִיךְ גָאדֶענְבֶּערְג גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְן שׁוּרָה אִין שְׁטוּב פוּנֶעם רָב. וֶוען רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים הָאט גֶעהֶערְט דִי שְׁטוּינֶענְדֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן דֶעם אִיד אוּן זַיין פַארְלֶעגְנְהַייט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים:

"דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, הָאסְט אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעם רִיכְטִיגְן מַאן פַאר וֶועמֶען צוּ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט!" - אִיז גֶעוֶוען דִי אַנְטְוָוארְט פוּנֶעם רָב.

**הַבּוֹטֵחַ בה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ!**

# "מזל טוב" צום סיום

נחמן דוב כץ, אברהם אלתר פאללאק, נתן רוזנבלט, ישי מערמעלשטיין, ישראל פישער, לוי יצחק ווייסשטיין, שמעון סטאַרט, מאיר נחמן סלסקי, נחמן דוב היילפרין, בנימין שפירא, יעקב יוסף אנשין, אברהם אלחנן יגלניק, נחמן חשין, משה נברוצקי, נחום ווייצהענדלר, שרגא פייוול ענגל, חיים קלעצקי, בנימין קלעצקי



די אלע קינדער קענען אפנעמען
א מתנה לכבוד זייער סיום.

אויב זענען דא קינדער וואס זייער נאמען שטייט נישט דא און זיי האבן געלערנט, זאלן ביטע אריינרופן אין טעל-ליין און איבערלאזן זייער נאמען און ספר וואס זיי האבן געלערנט.

די מתנות קען מען באקומען ביי
ר' יואל יאראוויטש ת"ת ברסלב בית שמש,
אדער ר' משה געפנער אין ת"ת ברסלב ירושלים.
די קינדער אין חו"ל וועלן באקומען אין פאסט בעז"ה

---

דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט שְׁוועֶרע און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, נָאר דִי סוֹד פוּן דִי אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין זֵייעֶר שְׁוֶועריקַייטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (תּוֹרָה מ"ח חֵלֶק ב') אַז אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַלְטְן פוּן זֵיי און הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאוִוייזְן פַאר זֵיי נָאר נָאךְ אַסַאךְ יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע הַפְטֹרָה " וַיְחַזֵּק חָרָשׁ אֶת צֹרֵף" (יְשַׁעְיָה פֶּרֶק מא) אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּיי שֵׁם דֶער זוּן פוּן נֹחַ..

אַמָאל הָאט זִיךְ רַבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן: פַארְוָואס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וְכוּ'? און פַארְוָואס זֶענֶען אַלֶע צַדִּיקִים אָנְגֶעקוּמֶען וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען? און פַארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען וִוי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא מָאס הִתְחַזְּקוּת. מִיר דַארְפְן אוֹיךְ הָאבְּן אוּנְזֶער מָאס הִתְחַזְּקוּת צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ און גְלֵייבְּן אַז אוּנְזֶער אֱמוּנָה וָואס מִיר הָאבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער און אִין דֶער צַדִּיק, אִיז אַ פַיינֶע גוּטֶע אֱמוּנָה, זִיכֶער קֶען מֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אָבֶּער קוֹדֶם גְלֵייבְּן אִין אוּנְזֶער אֱמוּנָה!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן גֵיין בְּדַרְכֵי אֲבוֹתֵינוּ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער זֹהַר שְׁרַייבְּט אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אֵיין פְּלַאץ אָדֶער אֵיין חֲבוּרָה וָואס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה וֶועט בַּאלְד קוּמֶען דֶער גוֹאֵל צֶדֶק בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# דעם רבי'נס *אלף בית*



## ווידוי דברים

מִיט יָארְן צוּרִיק אִין צַייטְן פוּן רֶבִּי'ן פְלֶעגְט מֶען אָנְרוּפְן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים 'וִידוּי'נִיקֶעס', וַוייל אִין דִי יוּנְגֶערֶע יָארְן פוּן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַ הַנְהָגָה אַז ווֶעלְכֶער חָסִיד עֶס אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע זִינְד, דֶער רֶבִּי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אַן עֶקְסְטֶערֶע זִכָּרוֹן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען זַיין גַאנְצֶע פַארְגַאנְגֶענְהֵייט און אַלֶעס אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּם רֶבִּי'ן, וֶוען שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט זֵיי דֶער רֶבִּי גֶעבְּן אַן עֶקְסְטֶערֶע תִּיקוּן פַאר זֵייעֶר נְשָׁמָה. פַאר אֵיינֶעם פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי הֵייסְן פַאסְטְן גֶעוִויסֶע טֶעג פוּן יָאר, פַאר אַ צְוֵוייטְן לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, פַאר ר' נַפְתָּלִי זַ"ל הָאט עֶר גֶעהֵייסְן מְדַקְדֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית, אַזוֹי הָאט יֶעדֶער חָסִיד בַּאקוּמֶען אַ וֶועג פוּן אַ תִּיקוּן לוֹיט זַיין שׁוֹרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ, דִי חֲסִידִים פְלֶעגְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן רֶבִּי'ן נָאכְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ מִיט רוֹיטֶע פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן, דֶערְפַאר הָאבְּן דִי שְׁטָאט לַייט אָנְגֶערוּפְן דִי חֲסִידִים, 'וִידוּינִיקֶעס...'

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תּוֹרָה ד' אַז וֶוען אַ אִיד מַאכְט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵרָה וֶוערְט דִי עֲבֵרָה אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער און קֶען שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען מַאכְט וִדּוּי פַאר אַ צַדִּיק אֱמֶת, און מֶען דֶערְצֵיילְט אִים וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעפִירְט, וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אַלֶעס אוֹיסְגֶעמֶעקְט און מֶען פַארְרֶעכְט אַלֶעס, זֶען מִיר פוּן דֶעם דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָר וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה.

אִין דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע יָארְן הָאט דֶער רֶבִּי מַשִּׂיג גֶעוֶוען מִיט זַיין גְרוֹיסְקַייט אַז פוּן דַאן זָאל מֶען זִיךְ מֶער נִישְׁט מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִים, און הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי הַנְהָגָה פוּן וִדּוּי, אָבֶער פָארְט פִירְט מֶען זִיךְ בִּיז הַיינְט צוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, בִּפְרָט עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אוֹיךְ וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים ווִי לְמָשָׁל מִירוֹן אָדֶער בַּיים קֵבֶר פוּן אֲרִ"י זַ"ל, קֶען מֶען דָארְט עֶס מְקַיֵּים זַיין.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז נָאךְ אַלְס גֶעבְלִיבְּן דִי הַנְהָגָה פוּן וִדּוּי פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אַלֶע זִינְד פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס קוּקְט אַרַיין אִין יֶעדְנְס הַארְץ.

אַ גְרויס חֲשִׁיבוּת הָאט בַּיים רֶבִּי'ן דֶער עִנְיָן פוּן וִדּוּי דְּבָרִים, זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף דִי עֲבֵרוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קעח): דַּע כִּי צָרִיךְ דַּוְקָא וִדּוּי דְּבָרִים, - זָאלְסְט ווִיסְן אַז מֶען דַארְף דַוְקָא וִדּוּי דְּבָרִים - כִּי צָרִיךְ לְפָרֵט אֶת הַחֵטְא, - ווייל מֶען דַארְף אַרוֹיסְזָאגְן דִי זִינְד - וְצָרִיךְ לְהִתְוַדּוֹת בַּדִּבּוּרִים בְּכָל פַּעַם עַל כָּל מַה שֶּׁעָשָׂה - אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין מִיט ווערְטֶער יֶעדֶעס מָאל אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטָאן - וְיֵשׁ לָזֶה מְנִיעוֹת רַבּוֹת- אוּן עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי זַאךְ אַסַאךְ מְנִיעוֹת עֶס צוּ מְקַיֵּים זַיין...."

ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? פָּשׁוּט זִיךְ טְרֶעפְן אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל אוּן אוּן דֶערְצֵיילְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפִירְט רִיכְטִיג.

אַמָאל אִיז אַ יוּנְגֶער בָּחוּר גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אִין צִימֶער. אֵיין טָאג פָארְן גֵיין שְׁלָאפְן אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּין אוּן גֶעוֵויינְט פַאר אִים אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְס גֶעלֶעגְן אוֹיפְן בֶּעט, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ שְׁלָאפְן, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דָאס גֶעבֶּעט פוּן דֶעם יוּנְגְן בָּחוּר'ל הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן מִיט אִים, עֶר הָאט אִים גֶעהֵייסְן ווֶעלְכֶע לִמּוּדִים צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זַיין פוּן דִי 'מָארֵי דְחוּשְׁבְּנָא', דִי מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶע נַאכְט פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן זָאל עֶר אִיבֶּערְטְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אִים דוּרְכְאוֹיס דֶער טָאג, - אוֹיבּ הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאווְנְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין דֶעם טָאג, - זָאל עֶר גֶעבְּן אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זָאגְן: "יִישַׁר כֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ הַיינְט אַבִּיסְל גֶעפִירְט ווִי דַיין ווִילְן אִיז, אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוֹיךְ אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, אִיךְ זָאל מָארְגְן אוֹיךְ אַזוֹי טוּן אוּן נָאר צוּלֵייגְן אוּן פַארְבֶּעסֶערְן מַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען," אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר אִין דֶעם טָאג נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאווְנְט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף זָאל עֶר זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּן זִיךְ בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אוּן דִיר נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעדִינְט, נִישְׁט אִין תּוֹרָה אוּן נִישְׁט אִין תְּפִלָּה א.א.וו. יֶעצְט בֶּעט אִיךְ פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז הַיינְט אוּן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג דִיר צוּ דִינֶען בֶּאֱמֶת, אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה בִּשְׁלֵמוּת אַזוֹי ווִי דַיין ווִילְן אִיז בֶּאֱמֶת. (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תקפז)

דִי מַעֲשֶׂה גִיבְּט אוּנְז אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען יֶעדְן טָאג זוֹכֶה זַיין צוּ וִדּוּי דְּבָרִים, זִיךְ

מִתְוַדֶּה זַיין יֶעדְן טָאג און אָנְהֵייבְּן אַ נַייעֶ פְּרִישֶׁע טָאג רֵיין און אָפְּגֶעוַואשְׁן פון זִינְד.

חוּץ פון דֶעם וָואס דוּרְךְ וִדּוּי דְּבָרִים אִיז מֶען זוֹכֶה צו תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת און רֵיין וֶוערְן פון זִינְד, אִיז אָט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר דִי וֶועלְט, דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת וִדּוּי חֵלֶק שֵׁנִי) עַל-יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים גּוֹרְמִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, שֶׁלּוֹמְדִין בֶּאֱמוּנָה. מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה בְּרֶענְגְט עֶר צו אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל צוּשִׁיקְן גוּטֶע מְלַמְּדִים פַאר דִי קִינְדֶער, מְלַמְּדִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען אוֹיס אֱמוּנָה, אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ! שְׁטֵייט אַ קִינְד אִין אַ ווינְקְל און רֶעדְט זִיךְ אַלֶעס אוֹיס צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט אַז אִין זַיין זְכוּת וֶועלְן אַ גַאנְצֶע כִּתָּה פון אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ עֶרְלִיכֶער גוּטֶער רֶבִּי....

אָבֶּער אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין אָנְהֵייב זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אוֹיף דִי הַנְהָגָה אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מְנִיעוֹת, דֶער בַּעַל דָּבָר לֵייגְט זִיךְ אוֹיס פון אַלֶע זַייטְן און פְּרוּבִּירְט שְׁטֶערְן מֶען זָאל דָאס נִישְׁט אוֹיסְפָאלְגְן, אַמָאל שְׁטוּפְּט מֶען עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, אַמָאל פַארְגֶעסְט מֶען אִינְגַאנְצְן וָואס מֶען הָאט גֶעטָאן, אַמָאל שֶׁעמְט מֶען זִיךְ מִיט דִי זִינְד, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער און נָאךְ אַסַאךְ סָארְטְן מְנִיעוֹת וָואס דֶער בַּעַל דָּבָר שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער. דֶערְפַאר לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז דִי עִיקָר עֵצָה צו דֶעם אִיז "שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה" זִיךְ פְרֵייעֶן און פְרֵיילַאךְ מַאכְן מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן, ווִי טַאנְצְן בַּיי אַ חֲתוּנָה א.ד.ג. וַוייל וֶוען אַ אִיד וֶוערְט פְרֵיילֶעךְ אַנְטְלוֹיפְן פון אִים אַלֶע מְנִיעוֹת וָואס שְׁטֶערְן אִים תְּשׁוּבָה טָאן און מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צו מִתְוַדֶּה בֶּאֱמֶת פַאר ה' יִתְבָּרַךְ און זוֹכֶה זַיין צו תְּשׁוּבָה.

(לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קעח)

הר"ר נפתלי יאראוויטש הי"ו
לרגל נישואי בנו למזל טוב

נתנדב ע"י החפץ בעילום שמו
לישועת הכלל והפרט

הר"ר משה איזק הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח נתן נ"י
לעול התורה והמצוות

הר"ר מנחם פירדטה הי"ו
לרגל הכנסת בנו הבה"ח נפתלי צבי נ"י
לעול התורה והמצוות

# אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם

**ר׳ נָתָן אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, דָארְט וואוּ עֶר רֶעדְט וֶועגְן דִי מַחֲלוֹקֶת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, שְׁרַייבְּט ר׳ נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר ר׳ יוּדְל וִוי פָאלְגְנְד:**

**(בֶּעאַרְבֶּעט פַאר קִינְדֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין)**

אֵיינֶער אַלֵיין אִיז אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן אַ וֶועלְט פוּן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, ווִי אוֹיךְ זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן, גֶעשְׁוִוּיסְטֶער, שְׁכֵנִים אוּן אַלֶע שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן גֶעוֶוען קֶעגְן אִים אוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים דֶערְפוּן.

אָבֶער עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע אוֹיפְטוּעֶן אַריינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דֶער וֶועלְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן אוּן בֶּעטְן אַלֶעס נָאר פוּן אִים.

אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ס שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁטָאט, אוּן אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן שְׁרַייעֶנְדִיג, אוֹי! אוֹי! גֶעוַואלְד! [ווִי אֵיינֶער וָואס זָאגְט, מִיט וָואס פִירְט אִיר אַרִיבֶּער אֵייעֶר לֶעבְּן? מִיט פּוּסְטְקַייט אוּן שֶׁקֶר, עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער] אוּן דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַזוֹי ווִי מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ מְשׁוּגָע׳נֶעם, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעטַעֲנֶה׳ט מִיט דִי אָרְטִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי גֶע׳מוּסַר׳ט אַז זֵיי לֶעבְּן אִין גְרוֹיסֶע טָעוּתִים, ווִיבַּאלְד אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גוּט גֶעקֶענְט זֵייעֶרֶע אַלֶע שִׁיטוֹת אוּן סְבָרוֹת פוּן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס - וַוייל דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי דֶעמָאלְטְ׳דִיגֶע דוֹרוֹת הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ סְבָרוֹת אוּן פַּאדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת.

אַזוֹי הָאט עֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן, יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ גֵּרִים ווִי בַּאוואוּסְט.

ווִיבַּאלְד אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גוּט גֶעקֶענְט זֵייעֶרֶע קְרוּמֶע וֶועגְן, הָאט עֶר זֵיי גוּט גֶעקֶענְט אוֹיפְוַוייזְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ בִּיטֶערְן טָעוּת, אוּן הָאט זֵיי מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי אֱמֶת׳ע הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נָאר פַארְהַאן אֵיין בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר הָאט בַּאשַאפְן אוּן פִירְט דִי וֶועלְט. אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים אַפָּאר פוּן דִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן דָארְטְן. דִי עֶלְטֶערֶע הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ נִישְׁט מְקָרֵב גֶעוֶוען, וַוייל דִי זְקֵנִים הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אַיינְגֶעוָוארְצְלְט זֵייעֶרֶע אוּמְרִיכְטִיגֶע וֶועגְן אוּן ס׳אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער זֵיי צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת, נָאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים - דִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ צוּ אִים צוּגֶעצוֹיגְן אוּן אִים נָאכְגֶעלָאפְן, אַזוֹי אִיז אַבְרָהָם גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם פְלֶעגְן אִים נָאכְלוֹיפְן.

אוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי ווַייבֶּער הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיף דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אוּן הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אוּן זִיךְ גֶע׳שְׁמַד׳ט... בִּיז זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט דִי פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן הָאבְּן זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּ זֵייעֶר אַלְטֶע וֶועג צוּלִיבּ דִי יִסּוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן וַוייבֶּער אָדֶער פוּן זֵייעֶר שְׁוֶוער. אָבֶער עֶס זֶענֶען נָאךְ גֶעוִויס גֶעבְּלִיבְּן אַבִּיסְל וָואס זֶענֶען מִיט-דֶעם-אַלֶעם גֶעבְּלִיבְּן אוּן זִיךְ בַּאהָאפְטְן אִין אַבְרָהָם אָבִינוּ.

אַזוֹי הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּ מְגַלֶּה זַיין דִי אֱמוּנָה אִין דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ מְחַבֵּר גֶעוֶוען



אַסאַךְ סְפָרִים אוֹיף דֶעם עִנְיָן, "טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים!!". אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט אַסאַךְ זוּנֶען, אוּן מִן הַסְּתָם ווִיבַּאלְד זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע זוּן זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין זַיינֶע גְלַייכֶע וֶועגְן, ווייל אוֹיךְ יִשְׁמָעֵאל הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן. שְׁפֶּעטֶער, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְלָאזְן זַיינֶע סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעפָּארְשְׁט אוּן נָאכְגֶעקוּקְט וֶוער פוּן זַיינֶע זוּן קֶען זַיין דֶער פַּאסִיגֶער צוּ יַרְשְׁ'עֲנֶען דִי אַרְבֶּעט. בִּיז עֶס אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן צוּ אִיבֶּערְלָאזְן פַּאר יִצְחָק אָבִינוּ, אוּן עֶר הָאט אִים טַאקֶע אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.

דֶערְנָאךְ אִיז יִצְחָק אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, אוּן הָאט מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אַסאַךְ גֵרִים אוּן אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַסאַךְ סְפָרִים וֶועגְן חִזּוּק אִין אֱמוּנָה אוּן אוֹיסְגֶעוֶועלְט זַיין זוּן יַעֲקֹב זָאל אָנְגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ. אֲפִילוּ וֶוען עֵשָׂו הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי אַ וואויל אִינְגְל אוּן אוֹיסְגֶעפָּאפְּט זַיין טַאטְן מִיט קַשְׁיוֹת ווִי: "טַאטֶע ווִיאַזוֹי מַעשֶׂר'ט מֶען זַאלְץ?" אוּן עֵשָׂו הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ווִי עֶר הָאט אִים לִיבּ, הָאט פָּארְט זִיךְ יִצְחָק מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען אוּן עֶס אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן אַז יַעֲקֹב אִיז דֶער פַּאסִיגֶער פַּאר דֶער הֵיילִיגֶער אַרְבֶּעט אוּן אִים אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.



יַעֲקֹב הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט אַסאַךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען צוּ מְקָרֵב זַיין דִי אִינְגֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַפָּאר טוֹיזְנְט סְפָרִים אִין דֶער עִנְיָן פוּן אֱמוּנָה, עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ רִיזִיגֶע צָאל - גְּזֶמָאוֹת פוּן סְפָרִים וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן אוּן אֱמוּנָה, ווייל אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אָבֶּער גֶעפָּארְשְׁט וֶועמֶען אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן זַיינֶע חָכְמוֹת, בִּיז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת פַּאר לֵוִי, אוּן פַּאר אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן רָאשֵׁי פְּרָקִים.

טַאקֶע וֶועגְן דֶעם זֶענֶען שֵׁבֶט לֵוִי גֶעוֶוען דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע בַּאהָאפְטְן אִין דִי אֱמוּנָה מֶער פוּן אַלֶע שְׁבָטִים. דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט בַּיים עֵגֶל אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם אַרְבֶּעט פוּן דִי מִצְרִיִים, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה מֶער פוּן דִי בְּרוּדֶער.

מִיר בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים דַארְפְן ווייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אִין אוּנְזֶער דּוֹר לִיגְט אוֹיף אוּנְז דִי אוֹיפְגַאבֶּע צוּ אַריינְבְּרֶענְגֶען דִי אֱמוּנָה אִין דֶער וֶועלְט.

### *פַּאר אוּנְז קִינְדֶער מֵיינְט דָאס:*

- רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים וֶועגְן אֱמוּנָה,
- גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן,
- זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן צוּ רֶעדְן אָפְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר מַאכְט אַלֶעס,
- רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי גֶעשְׁווִיסְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית,
- לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים וָואס רֶעדְן פוּן דֶעם,
- בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין אִים אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט אוּן דִי פְרֶעמְדֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן פְּלוֹידֶערַייעֶן וָואס מֶען הֶערְט אִין דִי גַאסְן.

# ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה ג׳ - דֶער הִינְקֶעדִיגֶער (3)

**דֶער ווייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן** אוֹיף דֶעם דוּמִיט אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַייט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְּן אַז ווער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן צוּ דֶעם וֶועג וָואס עֶס גֵייעֶן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָה וֶועגְן (דְהַיינוּ דֶער וֶועג וָואס אוֹיבְּן אִיז גִישְׁטַאנֶען וָואס דִי זוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶער לְבָנָה)

**הָאט עֶר אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט.** הָאט עֶס אִים אַהִין אַוֶועק גִיטְרָאגְן (דְהַיינוּ צוּ דֶעם וֶועג) הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי פִּיס אִין דֶעם וֶועג. וָואס דֶער פּוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ דִי פִּיס אִיז עֶר תֵּיכֶף גִיהֵיילְט גִיוָוארִין.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען.** אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוּל פוּן אַלֶע וֶועגִין אוּן הָאט אִיטְלִיכְן פּוּל בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן אִין אַ בִּינְטְל. (דְהַיינוּ) דֶעם פּוּל פוּן דֶעם וֶועג פוּן צַדִיקִים הָאט עֶר בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן.

**אוּן אַזוֹי דֶעם פּוּל** פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע וֶועגִין הָאט עֶר אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער פַאר בּוּנְדְן. אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט בִּינְטְלִיךְ פוּן דִי פּוּלִין. אִין הָאט זֵיי מִיט זִיךְ מִיט גִינוּמֶען.

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב** גִיוֶוען אוּן אִיז גִיגַאנְגְען צוּ דֶעם וַואלְד וָואס מֶען הָאט אִים דָארְט גִירַאבֶּעוֶועט. ווִי עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען.

**הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אַיין הוֹיכְן בּוֹים.** וָואס עֶר אִיז נָאנְט צוּ דֶעם וֶועג וָואס פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס דִי גַזְלָנִים רַאבִּיוֶועט. אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוּל פוּן צַדִיקִים אוּן דֶעם פּוּל פוּן מְשׁוּגָעִים.

**אוּן הָאט זֵיי אִין אֵיינֶעם אוֹיס גִימִישְׁט.** אוּן הָאט זֵיי פַאר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בּוֹים אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גִיזֶעצְט. עֶר זָאל זֶעהְן וָואס מִיט זֵיי וֶועט זִיךְ טָאהְן.

**הָאט עֶר גִיזֶעהְן** ווִי דִי גַזְלָנִים זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. וָואס דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן (הַנַ״ל) הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישִׁיקְט רַבִּיוֶוען.

**ווִי דִי גַזְלָנִים זֶענִין גִיקוּמֶען** אוֹיף דֶעם וֶועג תֵּיכֶף ווִי זֵיי הָאבְּן אַ טְרֶעט גִיטָאן אוֹיף דֶעם פּוּל. זֶענִין זֵיי גִיוָוארִין צַדִיקִים אוּן הָאבִּין אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע יָאר אוּן טֶעג. וָואס זֵיי הָאבִּין בִּיז אַהֶער גִירַאבִּיוֶועט אוּן הָאבְּן גִיהַרְגֶעט כַּמָה נְפָשׁוֹת.

**נָאר עֶס אִיז דָאךְ** אָבֶּער דָארְט גִיוֶוען גִימִישְׁט מִיט דֶעם פּוּל פוּן מְשׁוּגָעִים זֶענֶען זֵיי גִיוָוארִין מְשׁוּגֶעֶנֶע צַדִיקִים. אוּן הָאבְּן זִיךְ אָן גִיהוֹיבּוּן צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין.

**דֶער הָאט גִיזָאגְט.** אִיבֶּער דִיר. הָאבִּין מִיר גִיהַרְגֶעט. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט אִיבֶּער דִיר. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַזוֹי צוּ קְרִיגְט. בִּיז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע גִיהַרְגֶעט.

**הָאט דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן גִישִׁיקְט** נָאךְ אַמָאל אַנְדֶערֶע גַזְלָנִים. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען ווִי פְרִיר. הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. אוּן אַזוֹי אִיז עֶטְלִיכֶע מָאל גִיוֶוען. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיס גִיהַרְגֶעט גִיוָוארִין.

**בִּיז עֶר הָאט פַאר שְׁטַאנֶען** (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט פְּרִיר קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אוֹיף דִי פִּיס וָואס עֶר אִיז אַרוּיף אוֹיף אֵיין בּוֹים) אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָאר נִיט גִיבְּלִיבֶּען פוּן דִי גַזְלָנִים. נָאר עֶר אַלֵיין (דְהַיינוּ דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן וָואס עֶר הָאט זֵיי אַלֶע אָן גִירֶעט כַּנַ"ל) מִיט נָאךְ אֵיינֶעם.

**אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם בּוֹים** אוּן הָאט אוֹיס גִיקֶערְט דֶעם פּוֹל פוּן דֶעם וֶועג. אוּן הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט דֶעם פּוֹל פוּן צַדִיקִים אַלֵיין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ ווִידֶער גִיזֶעצְט אוֹיף דֶעם בּוֹים.

**אוּן דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן** (וָואס עֶר הָאט עֶס אַלְץ גִישִׁיקְט זַיינֶע לַייט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ נִיט אוּם גִיקֶערְט) הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִיוואוּנְדֶערְט. וָואס עֶר שִׁיקְט אַלְץ דִי גַזְלָנִים. אוּן קֵיינֶער קֶערְט זִיךְ נִיט אוּם. הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גִיוֶוען אוּן אִיז אַלֵיין גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז נָאךְ גִיבְּלִיבֶּען בַּיי אִים.

**אוּן תֵּיכֶּף ווִי עֶר אִיז גִיקוּמֶען** אוֹיף דֶעם וֶועג. (וָואס דֶער הָאט דָארְט פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם פּוֹל פוּן צַדִיקִים אַלֵיין) אִיז עֶר גִיוָוארִין אַ צַדִיק. אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אַנְדֶערִין אוֹיף זַיינֶע יָאר אוּן טֶעג. וָואס עֶר הָאט גִיהַרְגֶעט אַזוֹי פִּיל נְפָשׁוֹת אוּן הָאט אַזוֹי פִּיל גִירַאבֶּעוֶועט. אוּן הָאט גִירִיסְן קְבָרִים. אוּן הָאט תְּשׁוּבָה גִיטָאן. אוּן הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס חַרָטָה גִיהַאט.

**ווִי עֶר הָאט גִיזֶעהְן** (הַיינוּ דֶער וָואס אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם בּוֹים) אַז עֶר הָאט חַרָטָה אוּן טוּט זֵייעֶר תְּשׁוּבָה. אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם בּוֹים. ווִי דֶער גַזְלָן הָאט דֶער זֶעהְן אַ מֶענְשׁ.

**הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זִיךְ.** וָוויי אִיז מִיר אַזוֹינְס אוּן אַזוֹינְס הָאבּ אִיךְ גִיטָאן. גִיוַואלְד גִיבּ מִיר אוֹיס אַ תְּשׁוּבָה. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט קֶער מִיר אוּם דָאס קֶעסְטִיל. וָואס אִיר הָאט גִירַבִּיוֶועט בַּיי מִיר. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען פַארְשְׁרִיבְּן אוֹיף אִיטְלִיכֶער גְזֵילָה. ווֶוען סֶע אִיז גִיגַזֶלְט גִיוָוארִין.

**אוּן בַּיי וֶועמִין מִיהָאט דָאס גִיגַזְלְט.** הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט. אִיךְ קֶער דִיר אוּם תֵּיכֶּף. אִיךְ וֶועל דִיר שֶׁענְקֶען אֲפִילוּ אַלֶע אוֹצְרוֹת פוּן גְזֵילָה וָואס אִיךְ הָאבּ. אַבִּי גִיבּ מִיר אוֹיס אַ תְּשׁוּבָה.

**הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט. דַיין תְּשׁוּבָה אִיז נָאר. אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין שְׁטָאט אַרַיין אוּן זָאלְסְט שְׁרַייעֶן. אוּן זָאלְסְט מִתְוַדָה זַיין אִיךְ בִּין דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעמוֹלְט אוֹיס גִירוּפְן (כַּנַ"ל) אוּן הָאבּ גִימַאכְט כַּמָה גַזְלָנִים. אוּן הָאבּ גִיהַרְגֶעט אוּן גִירַאבֶּעוֶועט כַּמָה נְפָשׁוֹת.**

**אַדָאס אִיז דַיין תְּשׁוּבָה** הָאט דֶער גַזְלָן אִים גִיגֶעבְּן אַלֶע אוֹצְרוֹת. אוּן אִיז מִיט אִים גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. אוּן הָאט אַזוֹי גִיטָאן. הָאט מֶען דָארְט אִין דֶער שְׁטָאט גִיפַּסְקִי'ט. בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט אוֹיס גִיהַרְגֶעט אַזוֹי פִּיל נְפָשׁוֹת. עַל כֵּן זָאל מֶען אִים הֶענְגֶען. לְמַעַן יֵדְעוּ. כְּלוֹמַר כְּדֵי אַנְדֶערֶע זָאלִין זִיךְ אָפּ לֶערְנֶען.



:pe ____________



# לאמיר זיך פארהערן



## מַעֲשֶׂה ג' – דֶער חִגֵר (3)

**א. וואס האט דער חכם געלאזט צוואה פאר זיינע קינדער?**

- ❑ צו פלאנצן פרוכט
- ❑ צו אקערן פעלדער
- ❑ צו אנטרונקען ביימער

**ב. וואס האט דער חיגר יא געקענט?**

- ❑ גיין
- ❑ שטיין
- ❑ לויפן

**ג. פון וואו האט דער זון געהאט פרנסה?**

- ❑ ער האט באקומען פון גבאי צדקה
- ❑ ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ❑ די ברודער האבן אים געגעבן

**ד. ווען האט ער מיטגענומען אויף'ן וועג?**

- ❑ א בעל עגלה
- ❑ א נאמן
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט פאסירט אינמיטן וועג?**

- ❑ א גזלן האט זיי באפאלן
- ❑ גזלנים זענען זיי אנגעפאלן
- ❑ די וואגן האט זיך צובראכן

**ו. ווער איז אנטלאפן?**

- ❑ דער חיגר און דער נאמן
- ❑ דער נאמן און דער בעל עגלה
- ❑ דער חיגר דער נאמן און דער בעל עגלה

**ז. וואס האט ער געגעסן ווען ס'האט זיך געענדיגט די עסן פון וואגן?**

- ❑ ער האט געטראפן ברויט
- ❑ ער האט נאר געטרונקען
- ❑ גראז

**ח. נאכדעם וואס ער האט גענעכטיגט אין פעלד האט ער געקענט שטיין?**

- ❑ ער האט צוריק אנגהויבן צו גיין
- ❑ ער האט געקענט שטיין
- ❑ ער האט נאר געקענט זיך רוקן

סיפורי מעשיות



**וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט פון איינעם וואס איז ארויף אויף א בוים?**

**תשובות אויף פאריגע וואך:** שפעטער אין די מעשה: אמאל איז גיווען א חכם. און דער קיסר פון דער מדינה איז גיווען א גרויסער **אפיקורס**.

**מעשה פון בעל תפלה:** ווארין זיי האבין זיך גיהאלטן אין חכמות חיצוניות און **אפיקורסית**.

**מעשה פון זיבן בעטלערס:** און האבן דעם בן מלך אויף אריין גיצויגן אין **אפיקורסות**

אן
עקסטערע
גורל פאר די
קינדער וואס
ענטפערן
אויף טיפער
געטראכט

**דער געווינער אויף 'דער חיגר' 2 איז הילד החשוב 'יארבלום' כתה ו' בית שמש, טעלעפאן אין שטוב ענדיגט זיך 5566**

די מתנה קען מען נעמען ביים משגיח ת"ת ברסלב ב"ש ר' יואל יאראוויטש הי"ו

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבי'נס משלים

## דער אוצר אונטער בריק

אײנְמָאל האט זיך גע'חָלוֹמ'ט פַאר אַ מֶענְטְש פון אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט, אַז אִינֶעם שְׁטָאט ווין אונְטֶערְן בְּרִיק לִיגְט בַּאהאלְטְן אַן אוֹצָר. דֶערִיבֶּער אִיז דער מֶענְטְש אַהִין גֶעפָארְן צום בְּרִיק און זיך גֶעשְׁטֶעלְט דָארְט זוּכְן עֵצוֹת ווי אַזוֹי צו גֶעפִינֶען דעם אוֹצָר, ווייל בַּייטָאג דְרֵייעֶן זיך דָארְט מֶענְטְשְׁן.

אַ מִילִיטֶער מַאן אִיז דַאן אַרִיבֶּער און פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס שְׁטֵייסְטוּ דָא אִין די בַּאטְרַאכְסְט דָאס אָרְט?"

דער מֶענְטְש טְרַאכְט צו זיך, 'אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי אִיךְ זָאל אִים דֶערְצֵיילְן וֶועגְן דֶעם אוֹצָר, אַזוֹי וֶועט עֶר מִיר הֶעלְפְן און מִיר וֶועלְן טֵיילְן מִיטְן פַארְמֶעגְן'. הָאט עֶר אִים טַאקֶע דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דֶעם חָלוֹם.

"אַיי, אִידֶעלֶע" זָאגְט דֶער מִילִיטֶער-מַאן, "דו מַאכְסְט זיך צוּטוּן פון אַ חָלוֹם? אִיךְ הָאבּ אויךְ גֶע'חָלוֹמ'ט אַז אִין דֶעם אִין דֶעם אָרְט (עֶר דֶערְמַאנְט אִים דִי שְׁטָאט און נָאמֶען פון דעם דָאזִיגְן מֶענְטְשׁ) אִינֶעם מַאגַאזִין לִיגְט אַן אוֹצָר, וֶועל אִיךְ דֶען יֶעצְט אַהִינְפָארְן?!"

דער אִיד שְׁטֵייט עֶרְשְׁטוֹינְט, ווייל עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט גֶענוֹי זַיין נָאמֶען און שְׁטָאט.

הָאט דער אִיד זיך גְלַייךְ אַהֵיימְגֶעקֶערְט און גֶעגְרָאבְן אִין זַיין מַאגַאזִין און גֶעטְרָאפְן דֶעם אוֹצָר!.

דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט אַזוֹי: "דֶער אוֹצָר לִיגְט בַּיי דִיר, אָבֶער כְּדֵי מֶען זָאל דָאס ווִיסְן דַארְף מֶען פָארְן בִּיז ווין".

אַזוֹי אויךְ דַארְף מֶען ווִיסְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז דֶער אוֹצָר לִיגְט בַּיי יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, נָאר צו ווִיסְן פוּנֶעם אוֹצָר מוז מֶען פָארְן צום צַדִּיק.

(כּוֹכְבֵי אוֹר - סִפּוּרִים נִפְלָאִים)

